# מאַסן אידן ביים ציון פון הייליגן אר"י ז"ל ביומא דהילולא ה' אב אין שטאָט צפת



צפת – אויך היי יאָר האָבן מאַסן אידן פון אַלע שיכטן און קרייזן עולה געווען צום ציון הק' פון מרן קודש הקדשים וואָס כל רז לא אנים ליה, רבינו יצחק ב"ר שלמה לוריא זיעועכי"א, דער אר"י הקדוש, וואָס מנוחתו כבוד איז אין אור־אַלטן בית החיים אין שטאָט צפת, וואָס ווירבלט דורכאויס דעם גאַנצן יאָר מיט אידן וועלכע קומען זיך אויסבעטן בכל משאלות לבם לטובה.

ווי יעדער ווייסט, האָט די קדושה פון הייליגן צדיק וואָס איז נסתלק געוואָרן לשמי מרום ביום ה' לחדש אב ה'של"ב, אַ שטאַרקע השפעה אויף אַלע דורות פון כלל ישראל, און אויך אין אונזער דור יתום, דערקוויקן זיך ערליכע אידן ממאור תורתו בנגלה ובנסתר, און דאָס גיט אַ כח פאַר'ן דור אָנצוגיין ביתר שאת.

טאַקע צוליב דער קירבה וואָס כלל ישראל שפּירט צום הייליגן צדיק, איז דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג ואתחנן, ה' לחדש אב תש"פ, ביי דער יומא דהילולא פון צדיק, פאָרגעקומען אַ מאַסיווע עליה לציון, וואו אידן פון אַלע עקן ארץ ישראל זענען געקומען צו פאָרן קיין צפת פוקד זיין דעם ציון הק', און זיך אויסבעטן בכל משאלות לבם לטובה.

היי יאָר – טראָץ די קאָראָנאַ קריזיס וואָס הערשט אין ארץ ישראל – האָט זיך אָנגעזען די גרויסע תשוקה פון אידן צו קומען פוקד זיין דעם ציון הקדוש ביומא דהילולא, ווען צווישן די משתטחים האָט זיך אויך אָנגעזען חשוב'ע און אָנגעזעענע רבנים וגאונים שליט"א וועלכע זענען צוזאַמען מיט'ן כלל הציבור געקומען פוקד זיין דעם ציון הק'.

ווי אידן פאַרציילן, איז דאָרט געווען אַ מורא'דיגע התעוררות דורכאויס דעם גאַנצן מעת לעת פון דער הילולא קדישא, און אויך די שעות אַרום, דער עולם האָט אהין געשטראמט מיט אַ זעלטענע ווארעמקייט און קאָך, און אויך די ציוני'שע פּאָליצייי וועלכע האָבן מלכתחילה געוואלט אָפּהאַלטן זענען געבליבן געפלעפט זעענדיג דעם ריזן ציבור וואָס קומט אין די מאַסן מיט הייסע הערצער, ומלאך רע בע"כ יענה אמן.

**זכותו יגן עלינו!**

# הילולא פון הרה"ק בעל אך פּרי תבואה מליסקא זי"ע וועט געפּראַוועט ווערן צוזאַמען מיט סעודת הודאה



קומענדיגן דינסטאָג י"ד אב פאַלט אויס די הילולא קדישא פון הגה"ק רבן של ישראל רבי צבי הירש זצוק"ל אבד"ק ליסקא, באַקאַנט אַלס דער 'אך פרי תבואה' נאָך זיין הייליגן ספר, און מחבר פון ספר הישר והטוב על מועדים וסוגיות הש"ס.

חסידישע אידן איבער דער גאָרער וועלט גרייטן זיך צום הייליגן טאָג, צו פּראַווען די גרויסע יאָרצייט בכל מקום שהם, און די גרויסע צענטראַלע סעודה וועט פאָרקומען דינסטאג אווענט פרשת עקב דורך כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א, אין ליסקא בית מדרש, 1449 50th Street, צוזאַמען מיט אַ סעודת הודאה לרגל הצלת ממגיפת קאראנאווירוס ל"ע. מ'וועט זיך שטעלן דאַווענען מנחה בשעה 7:30.

הגה"ק מליסקא זי"ע איז געווען בשעתו פון די גרעסטע מנהיגי החסידות אין אונגאַרן, וועמענ'ס נאָמען איז פאַרהייליגט געוואָרן ביי חסידים לדורי דורות. טויזנטער אידן פלעגן קומען ביומא דהילולא על ציונו הקדוש אין ליסקא און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות בגוף ובנפש. ווי דער 'אך פרי תבואה' זעלבסט האָט געזאָגט איידער זיין פטירה: "זאָרגט אייך נישט, איך וועל אויפטון מער אין די זאָקן, ווי אין די שיך", מיינענדיג מיט דעם אַז ער וועט ווייטער אַרויסהעלפן פאַר דעם וואָס קומט מתפלל צו זיין ביי זיין ציון.

די היי־יעריגע סעודת הילולא וועט זיין קאָמבאַנירט מיט אַ סעודת הודאה, אָפּצוגעבן שבח והודאה להשי"ת אויף זיינע גרויסע ישועות ונפלאות אַז מ'האָט איבערגעלעבט דעם קאָראָנאווירוס אונטערגאַנג ל"ע, ובפרט די אויסטערלישע נסים וחסדים מיט כ"ק מרן אדמו"ר מליסקא שליט"א, וועלכער איז פּערזענליך דורכגעגאַנגען אַ שווערע תקופה אין דער מגיפה, און בלויז מיט רחמי שמים מרובים האָט דער רבי שליט"א זיך אַרויסגעדרייט און ערהוילט געוואָרן, בזכות אבותיו הקדושים נ"ע.

טאַקע צוליב דעם שווערן מצב וואָס הערשט נאָך איבער דער גאָרער וועלט, ווען פילצאָליגע מדינות זענען נאָך אָפּגעשפּאַרט באין יוצא ואין בא, טראָגט דער היי־יעריגער סעודת הילולא אַ ספּעציעלן באַדייט, ווען מען וועט נישט קענען זיך משתטח זיין אויפ'ן ציון הקדוש אין די שטאָט ליסקא און דער סעודת הילולא בבית מדרש דקהל ליסקא וועט זיין דער מקום וואו מעריצים ומבקשי ה' וועלן זיך קענען מתאחד זיין אין דעם הייליגן טאָג און זוכה זיין צו די ברכות וישועות וואָס דער צדיק נושעות איז משפּיע אין דעם טאָג.




